Hebr. Ej 381
Šajqevits

# דער

# ישיבה-בחור

איינע הומאריסטישע ערצעהלונג וועלכע קאן הייסן

## ראמאן

פון

## ש. מ. ר.

ווילנא

ТАЛМУДИСТЪ
Юморостическ. расказъ Н. М. Шайкевича

ВИЛЬНА. Типографія Л. Л. Маца, Завальная ул. д. Вендорфа. 1910 года.

# פאָרְרֶעדֶע

דִיא גֶעשִׁיכְטֶע הָאבּ אִיךְ גִיהֶערְט אַז אִיךְ בִּין נָאךְ אַקִינְד גִיוֶועזֶען, צוּא זִיא אִיז אֱמֶת צוּא נִיט דָאס קָאן אִיךְ אַייךְ נִיט זָאגֶען, אוּנ קָאן אוֹיף דֶעם גֶעוִויס נִיט שְׁוֶוערִין. נָאר וִויא דִיא מַעֲשֶׂה אִיז, אַמַעֲשֶׂה אִיז זִיא אַשֵׁיינֶע, מִיא קָאן זִיךְ פוּן אִיהר נוּט אָנְלַאכִין, אוּנ וָואס בַּאדַארְפִין דֶען דִיא לֶעזֶער מֶעהר. אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ גִיהֶערְט אַז דָער סִיוּזֶשֶׁעט פוּן דָער גֶעשִׁיכְטֶע אִיז שׁוֹין בֶּעשְׁרִיבֶּען עֶרְגֶעץ אִין אַהֶעבְּרֶעאִישֶׁער צַייטוּנְג פוּן אַיין אַנְדֶער שְׁרַייבֶּער, אָבֶער אִיךְ גְלוֹיבּ אַז עֶס שַׁאדֶעט נִיט וֶועןְ מִיא וֶועט זִיא לֶעזֶען חַיא זִיא אַרוֹיס פוּן מַיין פֶּעדֶער.

דער פּערפאססער.

# א.

## בּוּרְלַאקְס פַאמִילְיֶע.

אוֹיבּ אִיהר זֶענְט אַמָאל גִיוֶוען אִין דֶער שְׁטָאדט יאטקע הָאט אִיהר גֶעוִויס גֶעטוּזְט הֶערִין פוּן שִׁמְשׁוֹן אָדֶער סַאמְסָאן בּוּרְלַאק. דֶען עֶר הָאט זִיךְ גִיהֶערְט נִיט נוּר אִין דֶער שְׁטָאדט יאטקע, אֲפִילוּ אִין אַלֶע שְׁטֶעט אוּנ דֶערְפֶער צְוַואנְצִיג מַייל אַרוּם הָאט מֶען פוּן אִים גֶעוואוּסְט, וַוייל עֶרְשְׁטִינְס אִיז עֶר גִיוֶוען אַגְרוֹיסֶער גְבִיר. אוּנ צְוַוייטֶענְס וַואר עֶר אַגְרוֹיסֶער מַלְוֶה (אוֹיף פְּרָאסְטְ יוּדִישׁ הַייסְט עֶס אַפְּרָאצֶענְטִיק) פוּן דֶעם נַאנְצֶען גֶעגֶענְר הָאט מֶען בַּייא אִים גֶעלִיהֶען גֶעלְד, אוּנ דַארוּם אִיז קַיין וואוּנְדֶער וָואס עֶר הָאט אִין דֶעם גַאנְצֶען גֶעגֶענְד אִיבֶּערְאַל גֶעהַאט הַייזֶער וָואס עֶר הָאט פַאר זַיינֶע חוֹבוֹת אָפּ גֶענוּמֶען, אוּנ זַיין כָּשֶׁרֶער נָאמֶען הָאט גֶעקְלוּנְגֶען אִין דֶער לַיינְג אוּנ אִין דֶער בְּרַייט.

סאמסאן בורלאק וַואר אַלַיין אַזָאהן פוּן זֶעהֶער פַיינֶע עֶלְטֶערִין, זַיין גְרָאסְפַאטֶער אִיז גִיוֶוען אַגֶערִיהמְטֶער רַב, אוּנ זַיין פָאטֶער וַואר אַגְרוֹיסֶער סוֹחֵר אוּנ נָאךְ אַגְרוֹיסֶער לַמְדָן דַאבַּייא, פוּן זַיין פְרִיהֶעסְטֶער יוּגֶענְד הָאט זִיךְ שמשעלע אוֹיס גֶעצֵייכֶענְט מִיט זַיין קַארְגְשַׁאפְט אוּנ מִיט זַיין סָאלִידֶעם לֶעבִּין. מִיא דֶערְצֶעהלְט פוּן אִיהם אַז פוּן דִיא גְרָאשֶׁינְס וָואס דִיא מוּטֶער פְלֶעגְט אִיהם גֶעבִּין, אוּנ פוּן דִיא חֲנוּכָּה אוּנ פּוּרִים גֶעלְד וָואס עֶר פְלֶעגְט עֶרְהַאלְטֶען פוּן זַיין פָאטֶער הָאט עֶר אָנְגֶעקְלִיבֶּען שֵׁיינֶע עֶטְלִיכֶע רוּבֶּעל אוּנ הָאט זַייא אָפּ גֶעגֶעבִּין אוֹיף פְּרָאצֶענְט, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ קַיין מָאל פֶערְגוּנֶען אוֹיס גֶעבִּין אַגְרָאשִׁין אוֹיף עֶפֶּעל אָדֶער אוֹיף אַיין אַנְדֶער לַאקָאמֶע שְׁפַּייז. זַיינֶע עֶלְטֶערִין הָאבִּין גְרוֹיס נַחַת גֶעהַאט אַלְס זַייא הָאבִּין בַּאמֶערְקְט וָואס פַאר אַבִּירֶעכִינְטִין זָאהן זַייא הָאבִּין. זַייא הָאבִּין נְבִיאוֹת גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט אַמָאל זַיין אַגְרוֹיסֶער גְבִיר.

אוּנ זַייעֶר נְבוּאָה אִיז רִיכְטִיג מְקוּיָם גֶעוָוארִין. צוּא זַיין אַכְטְצֶעהְנְטֶען יָאר הָאט עֶר חֲתוּנָה גֶעהַאט, דִיא עֶלְטֶערִין הָאבִּין

מיט איהם געטאן אגרויסין שידוך, מיט אמיוחס אונ אגביר דאצו וואס האט זיין טאכטער גיגעבין פינף טויזענד רובעל נדן. דיא כלה וואר אבעריהמטע שאנהייט, דרייא יאר האט ער געגעסען קעסט. אין דער צייט האט ער זיין געלד פערליהען אויף פריצענט אונ האט שכל געהאט צוא נעמען ריכטיגער געזאגט צו רייסין אגרויס פראצענט. אונ אז ער איז אראפ פון קעסט האט ער שוין פון קיין אנדער גישעפט געוואלט וויסען אחוץ פראצענט.

לעבען האט ער גילעבט וויא אלע וואכערניקעס זעהער שפארזאם, ער האט פשוט געציילט דיא גרויפין אין טאפ. זיין עדלע פרויא האט געגונג צרות אונ עגמת נפש פון אים גיהאט אונ ענדליך האט זיא פון בעשטענדיגע גריזאטע בעקומען דיא שווינדזוכט. דער געטרייער מאן האט קיין מאל צוא איהר קיין דאקטאר געוואלט רופין ווייל ער האט געוואוסט אז אדאקטאר וויל אומזאנסט ניט געהן מיא מוז אים בעצאהלען. די אונגליקליכע האט געצאנקט וויא אליכט ביז זיא איז אויס געגאנגען.

שמשון האט ווענניג וואס געקלאגט נאך זיין ווייב, דער געדאנק אז בייא אים אין שטוב איז געווארין מיט אמויל וועניגער האט אים דיא פאלקאמענע טרייסט געבראכט. וויא וועניג זיא האט איהם געקאסט האט זיא דאך אלץ עפעס געקאסט, אונ דאס האט ער יעצט פערשפארט.

זיא האט אים איבער געלאזט איין קליינע אכט יאהריגע טאכטער בתיה׳לע, אונ זיא האט שמשון גראדע שטארק ליב געהאט, זא דאס ער פלעגט מאנכעס מאל אראפ נעמען דיא האנד פון הערצען אונ פלעגט איר געבין אגראשין אויף צוקערקעס, קיין גרעסערע זאך האט מען גאר פון אים ניט גיקאנט פערלאנגען דאס איז אויך גיוועזן אריבער זיין נאטור.

ער האט שוין קיין צווייטע ווייב גענומען אלץ דער פאר דיא הוצאה זאל זיין קלענער. אבוואהל מיא האט איהם גירעט געלד שידוכים, נאר ער איז גיוועזן אגרויסער בעל חשבון אונ ער האט אויס גירעכינט אז דאס געלד וואס ער וועט געהמען

בַּייא אַנַייא ווייבּ וָועט אִים גוּטֶע פְּרָאצֶענְט קָאסְטִין, דֶען זִיא וָועט דָאךְ גֶעוִויס הָאבִּין קִינְדֶער, אוּנ אַקִינְד מוּז קָאסְטִין גֶעלְד.

אִין דֶער צַייט וָואס מִיר הַאלְטִין יֶעצְט אִיז שׁוֹין סאמסאן אַלְט גִיוָוען פֶערְצִיג יָאהר. מִיא הָאט גֶעוואוּסְט אַז עֶר אִיז אַגְרוֹיסֶער גְבִיר, נוּר וִויפִיל עֶר הָאט, הָאט קֵיינֶער גֶעוואוּסְט דֶען עֶר פְלֶעגְט זִיךְ שְׁטַארְק הִיטֶען מִיא זָאל פוּן זַיין קַאפִּיטַאל גִיט ווִיסֶען, צוּא עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פַאר עַיִן הָרָע, אָדֶער פָּשׁוּט עֶר הָאט גֶעצִיטֶערְט מִיא זָאל קֵיין הֶשֵּׂק הָאבִּין אִים צוּא מַאבִין אַנְגֶעהֵייטֶען מִיטֶערְנָאכְטְלִיכֶען בֶּעזוּךְ, דָאס וַוייסִין מִיר נִיט.

אִין קֵיין זַאךְ הָאט זִיךְ סאמסאן נִיט פַארְעֶנְדֶערְט אַלְס מִיט צְוָועלְף יָאר צוּרִיק, עֶר הָאט אוֹיס גִיזֶעהֶען גָאר נִיט פִיל עֶלְטֶער ווִיא דַאמָאלְס, עֶר הָאט גֶערִיסֶען פְּרָאצֶענְט פוּן טוֹיט אוּנ פוּן לֶעבֶּעדִיג אָן רַחֲמָנוּת, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען גֶעקְלֵיידֶעט אִין דִיא זֶעלְבֶּע קְלֵיידֶער וָואס דַאמָאלְס, עֶר הָאט יֶעצְט אוֹיךְ קֵיין אָרִימַאן קֵיין פְּפֶענִיג גִיגֶעבִּין, אוּנ אִיז גִילֶעגִין ווִיא אַהוּנְד אִיבֶּער זַיין גֶעלְד, נָאר בַּייא אִים אִין זַיין וָואהנוּנְג הָאט מֶען אַגְרוֹיסֶע פֶערְעֶנְדֶערוּנְג גִיזֶעהֶען. זַיינֶע פִיהְרְצִימֶער וָואס עֶר הָאט בֶּעוָואהְנְט וַוארֶען זֶעהֶער שׁוֹין מֶעבֶּעלִירְט טַאקִי גָאר אוֹיף דֶעם גְבִירֶשְׁן שְׁטֵיינֶער, אוֹיךְ דִי שְׁטוּב הוֹצָאֶה הָאט זִיךְ בַּייא אִים יֶעצְט גֶעפִירְט אָפְּוָואהל נִיט גְבִירֶשׁ, אָבֶּער דָאךְ פוּן דֶער פוֹלֶער הַאנְד.

אוּנ אִין דֶער פֶערְעֶנְדֶערוּנְג אִיז שׁוּלְדִיג גִיוָוען זַיין טָאכְטֶער בתיהלע וָועלְכֶע וַואר שׁוֹין יֶעצְט אַמֶעדְכֶען פוּן צְוַואנְצִיג יָאר.

דֶער קַארְגֶער פְּרָאצֶענְטְנִיק הָאט זַיין טָאכְטֶער אַזוֹא גֶעלִיבְּט זָא דָאס עֶר הָאט זַיין נַאטוּר גֶעבְּרָאכִין אוּנ הָאט זִיא גֶעלָאזְט פִיהְרֶען דִיא שְׁטוּב הוֹצָאֶה נָאךְ אִיר פֶערְלַאנְג. דָאס פְלֶעגְט אִים אֲפִילוּ יֶעדֶען טָאג אַשְׁטִיק גֶעזוּנְד אַוֶועק נֶעמֶען, אִים זַיינֶען דִיא נוּטֶע שְׁפַּייזֶען וָואס מִיא הָאט אִים דֶערְלַאנְגְט נִיט אַיינְגֶעגַאנְגֶען ווַייל עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז דָאס קָאסְט גוּט גֶעלְד, עֶר וָואלְט אַסַךְ מֶער הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן אַיין אוּגֶערְקֶע מִיט בְּרוֹיט, נָאר וָואס טוּט מֶען מִיט אַבַּת יְחִידָה. עֶר הָאט גֶעצִיטֶערְט אִיר עַגְמַת נֶפֶשׁ

 צוא

צוּא פֶערְשַׁאפֶן זִיא זָאל חָלִילָה נִיט קְרַאנְק װָערִין אוּנ שְׁטַארְבִּין װִיא אִיר מוּטֶער, דַאן װָעט זַיין גַאנץ גָעלְד אַבּייגְפַאלִין אִין פְּרֶעמְדֶע הֶענְד, אוּנ דָאס הָאט עָר כְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט גָעוָואלְט.

בתיה װִיא מִיר הָאבִּין עֶרְצֶעהלְט װַאר שׁוֹין אַמֶעדְכֶען פוּן צְװַאנְצִיג יָאר, זִיא אִיז גִיוֶועזֶען זֶעהֶער שֵׁיין אוּנ גֶעבִּילְדֶעט, אָבֶּער זִיא הָאט אִין זִיךְ אוֹיךְ זֶעהֶער מִיאוּסֶע פֶעהלֶער גֶעהַאט, פַאר זִיךְ אַלֵיין אִיז זִיא גָאר נִיט קַארְג גִיוֶועזֶען, דֶער פַאר אָבֶּער צוּ פְרֶעמְדֶע אִיז זִיא שְׁטַארְק קַארְג גִיוֶועזֶען. זִיא הָאט אוֹיךְ קֵיין אָרִימַאן גִיקָאנְט לַיידֶען פּוּנְקְט װִיא דֶער טַאטֶע. דִיא טְרֶערִין װָאס דִיא אָרֶעמֶע מֶענְטְשִׁין װֶעלְכֶע זַיינֶען אִיר פָאטֶער גֶעלְד שׁוּלְדִיג גִיוֶועזֶען הָאבִּין פַארְגָאסִין פַאר סאמסאנען אוּם עָר זָאל זַייעֶר בִּיסֶעל אָרֶעמְקַייט פַאר זַייעֶרֶע חוֹבוֹת נִיט אָבְּנֶעהמֶען, דִיא בִּיטֶע טְרֶערִין הָאבִּין אוֹיף אִיר אַזוֹא קֵיין אַיינְדְרוּק גֶעמַאכְט װִיא אוֹיף אִיר פָאטֶער, דַאצוּ װַאר זִיא נָאךְ אַיוּדֶענְפַיינְדִין נָאר אוֹיפִין גְרוֹיסֶען אַרְט.

אִין דֶער גוּמְנַאזְיוּם װָאס זִיא הָאט גִילֶערִינְט הָאט זִיא זִיךְ נוּר אוֹיס גִילֶערִינְט פוּן אִירֶע חַבֶרְטֶעס פַיינְד הָאבִּין אַיוּדֶען, אוּנ װֶוען חָלִילָה יֶעמַאנְד הָאט אִיר דֶערְמָאנְט אַז זִיא אִיז אוֹיךְ אַיוּדִישׁ קִינְד אִיז זִיא פַארְטִיג גִיוֶועזֶען דֶעם עַזוּת פָּנִים דִיא אוֹיגֶען אוֹיסְגְרַאבְּלֶען.

זֶעלְבְּסְט פֶערְשְׁטֶאנְדְלִיךְ אַז זִיא הָאט זִיךְ בֶּעמִיהֶעט אִין אִיר פָאטֶערְס הוֹיז אַיינְגָארְדֶענֶען יֶעדֶע זַאךְ אוֹיפִין קְרִיסְטְלִיכֶען אַרְט. פוּן שַׁבָּת אִיז דָארְט קֵיין זֵכֶר גִיוֶועזֶען דֶער פַאר אָבֶּער זוּנְטָאג װַארֶען אַלֶע צִימֶער אוֹיפְגֶעפוּטְצְט, דֶער טִישׁ פַיין גֶעדֶעקְט װִיא אִין אַיוֹם טוֹב: װֶוען זִיא זָאל קֵיין מוֹרָא נִיט הָאבִּין פַאר דֶעם פָאטֶער װָאלְט זִיא דִיא מְזוּזוֹת אוֹיךְ פוּן דִי טִירֶען אָבּ גֶערִיסֶען, אוּם מִיא זָאל גָאר נִיט עֶרְקֶענֶען אַז דָא װָאהנְט אַיוּד.

סאמסאן בּוּרלאק הָאט פוּן דִיא זַאכִין גֶעקְרֵיינְקְט, דֶען װִיא טִירַאנִישׁ עָר אִיז גִיוֶועזֶען טַאקִי גֶעגֶען דִיא יוּדֶען פוּן דֶעם גַאנְצִין גֶעגֶענְד, אָבֶּער דִיא יוּדִישֶׁע אֱמוּנָה אִיז בַּייא אִים גִיוֶועזֶען טַייעֶר, עָר פְּלֶעגְט זָאגַאר אַלֶע שַׁבָּת אוּנ יוֹם טוֹב גֶעהן דַאוְונֶען, אוּנ הָאט אַמָאל גִיגֶעבִּין צוּלֵייזִין פַאר אַיין צְלָיח אוֹיךְ, עָר הָאט

שטארק. שטאלצירט מיט זיין יחוס, אונ פלעגט פאר יעדען גייען פענטשין זיך בעריהמען אז ער האט געהאט אזיידען ארב. ער פלעגט דער טאכטער זעהער אפט בעטין זיא זאל אים דאס עגמת נפש ניט פערשאפען אונ זאל זיך פיהרען יודישליך, אבער זיא האט גאר דאפאן ניט געוואלט הערין אונ האט זיך געטאן איהרס. ער ווידער האט מורא געהאט שטרענג פון איר צוא פאדערין זיא זאל טאן וויא ער וויל אום זיא זאל חלילה ניט קראנק ווערין אונ שטארבין, דארום איז געבליבען אויף איהרס.

נאר איין זאך האט ער ביא איר געפועלט, זיא זאל אים ערלויבין געבין איין ישיבה בחור אטאג עסין ביא זיך אין שטוב, ווייל אים האט דאס שטארק ניט געפאסט פאר דיא יאטקער איינוואהנער. אין יאטקע איז געוועזען אגרויסע ישיבה, אונ אלע ישיבה בחורים האבין געלעבט נור דער פון וואס דיא יודען פון דער שטאט האלטין זייא אויס, יעדער אפילו דער געמיינסטער בעל הבית גיט איין ישיבה בחור אטאג עסין ביא זיך. היינט וויא איז מען אזוא גראב געגען אגאנצער שטאט אונ מיא ענטזאגט זיך פון אזא קליינקייט אויך האטש איין ישיבה בחור געבין ביא זיך איין טאג אין וואך עסין, בתיהלע אדער בערטהע האט אים דאס צוליב געטאן אונ האט ערלויבט דעם קלעצקער ישיבה בחור ער זאל איין טאג אין דער וואך עסין ביא זייא אין אין שטוב. דאביא האט זיא דא געהאט אביסעל פערגעניגען אויך, דען זיא האט נעהאט פון וועמען חוזיק צוא מאכין אונ אפ צוא לאכין.

## ב.

### אפראיעקט וועגען אקאמעדיע.

מיא קאן לייכט פערשטעהן אז אזא מעדכען וויא בערטה וואר האט וויא אמאגנעט צוגעצויגען צו זיך פערשיעדענע יונגע לייט וואס האבין זיא געוואלט אויסכאפין, ניט אזוא צוליב איר שיינקייט אונ בילדונג וויא צוליב איר טאטענס גרויס קאפיטאל

וָואס הָאט נָאךְ זַיין טויט בַּאדַארְפְט צוּ אִיר אַרַיינְפַאלֶען . בערטה הָאט נָאר גְיוָועֶן אִין זִינֶען גֶעהַאט זִיךְ צוּא טוֹיפֶען אוּנ הַיירַאטֶען מִיט אַקְרִיסְט . דוּרְךְ אַצוּפַאל הָאט זִיא אָבֶּער פוּן גֶעדַאנְק חֲרָטָה גֶעהַאט . דֶען אִין דֶעם פָאלְק אוּלַאנֶער וָואס הָאט קְוַוארְטִירְט אִין דֶער שְׁטָאט יאטקע אִיז גְיוֶועֶן אַיין אָפִיצִיר וָואס הָאט גֶעהַיירַאטְהָעט מִיט אַיוּדִישׁ גִיטוֹיפְט מֵיידִיל. בערטהע הָאט גְיזוּכְט דִי בֶּעקַאנְטְשַׁאפְט פוּן דֶער קְלוּגֶער פְרוֹיא וָואס הָאט שֵׂכֶל גֶעהַאט אִיר רֶעלִיגְיָאן פֶערְבַּייטֶען , אוּנ אִיר הָאט גֶעלוּנְגֶען מִיט אִיר בֶּעקַאנְט צוּ וֶוערִין . זִיא אִיז עֶנְדְלִיךְ מִיט אִיר אַזוֹא בֶּעפְרַיינְדֶעט גֶעוָוארִין זָא דָאס דִיא גְלִיקְלִיכָע אָפִיצֶערְקֶע הָאט פַאר אִיר דָאס הֶערְץ גִיעֶפִינְט אוּנ הָאט אִיר פֶערְטְרוֹיעֶט אַז זִיא לֶעבְּט זֶעהֶער אוּנְגְלִיקְלִיךְ , דֶען דֶער מַאן וֶועלְכֶער הָאט מִיט אִיר גֶעהַיירַאטְהָעט אוֹיס לִיבֶּע קְלַאפְּט אִיר דִיא זַייטֶען נָאר אָן רַחֲמָנוּת, אוּנ מִיט קַיין אַנְדֶער נָאמֶען רוּפְט עֶר זִיא נִיט וִויא נָאר זְשִׁידָאווְקֶע .

דָאס הָאט בערטהען זַייעֶר אִיבֶּער גֶעשְׁרָאקֶען אוּנ זִיא הָאט אוֹיךְ אָנְגֶעהַייבִּין מוֹרָא צוּא הָאבִּין פַאר אַזַא שְׁוַוארְצִין סוֹף , דַארוּם הָאט זִיא זִיךְ בֶּעשְׁלָאסֶען חֲתוּנָה הָאבִּין מִיט אַיוּדִישֶׁען חָתָן . דֶער פַאר אָבֶּער הָאט זִיא גֶעזוּכְט אַזַא חָתָן וָואס זָאל וֶוענִיגְסְטֶענְס זַיין אִין אַלֶע פַאכִין גְלַייךְ מִיט אִיר עֶר זָאל אוֹיךְ פַיינְד הָאבִּין אַיוּדֶען, אוּנ בַּייא אִים זָאל אוֹיךְ דָאס יוּדִישְׁקַייט קַיין רָאלֶע שְׁפִּילֶען.

אוּנ אַזֶעלְכֶע חֲתָנִים הָאט זִיא גֶעפוּנֶען גָאר אַהִיבְּשׁ בִּיסֶעל , דֶען הַיינְטִיגֶע צַייטֶען בַּאגֶעגְנֶען מִיר בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוֹיף יֶעדֶען טְרִיט יוּנְגֶע לַייטְלִיךְ וָואס שֶׁעמֶען זִיךְ מִיט דֶעם נָאמֶען יוּד , אוּנ דִיא חֶבְרָה וָואס הָאבִּין זִיךְ אִין דֶער שְׁטָאט יאטקע גֶעפוּנֶען בַּייא צֶעהֶען פֶערְזָאן זַיינֶען גְיוֶועֶן דִיא בֶּעשְׁטֶענְדִיגֶע אַיינְגֶעהֶער בַּייא סאמסאנען אִין שְׁטוּב , אוּנ מִיט זַייא הָאט בתיהלע אִימֶער פֶערְבְּרַאכְט . בֶּעשְׁטֶענְדִיג אִיז בַּייא זַייא כִּמְעַט אַיין טְהֶעמֶע גִיוֶועֶן צוּם רֵיידִין , אוֹיסְלַאכֶען פוּן דִיא יוּדִישֶׁע זִיטֶען , חוֹזֵק מַאכִין פוּן יוּדֶען אִין אַלְגֶעמֵיין , אוּנ אוֹיס רֵיידֶען אוֹיף זַייא אַזֶעלְכֶעס

וָואס קֵיין אַנְטְעסֶעמִיט וָואלְט זִיךְ עֶרְלוֹיבְּט אַזֶעלְכֶעס צוּא רֵיידִין ׃

פִילֶע מָאל פְלֶעגִין זִיךְ אַהֶער צוּזַאמֶען קְלַייבְּען אוֹיךְ פוּן דִיא יאטקער גֶעבִּילְדֶעטֶע גֶעשַׁיירֶענֶע מֵיידֶען, אוּנ זַייא הָאבִּין אַנְטְהֵייל גֶענוּמֶען אִין דֶעם גֶעשְׁפְּרֶעךְ, פְלֶעגִין גָאר אָנְקְוָועלֶען הֶערֶענְדִיג וִויא מֶען מַאכְט פוּן זַייעֶרֶע טַאטֶעס אוּנ קְרוֹבִים אַבְּארְג אַשׁ ׃

דֶער אֵיינְצִיגֶער פוּן דֶער גַאנְצֶער זִיסֶער חֶבְרֶה וָואס הָאט שְׁטַארְק נוֹשֵׂא חֵן גִיוֶועןְ בַּייא בערטהען אוּנ זִיא הָאט עֶרִינְסְט גִירֶעכִינְט מִיט אִים זִיךְ אוֹיף עֶוִויג צוּא פֶערְבִּינְדְען אִיז גִיוֶוען אַנְגֶעוִויסֶער יוּנְגֶער מַאן פְיָאדָאר (פייוויל) גראביונג ׃

דֶער פיאדאר הָאט גִיעֶנְדִיגְט דִיא יאטקער גוּמְנַאזְיוּם, עֶר אִיז יֶעדֶע קְלַאס גֶעגַאנְגֶען צוּא צְוֵוייא יָאר, אוּנ אִיז אַרוֹיס פוּן נוּמְנַאזְיוּם זֶעהֶער מִיט אַשְׁלֶעכְטִין מֵיינוּנְג פוּן דִיא לֶעהְרֶער, אַלֶע הָאבִּין אִים פַיינְד גֶעהַאט פַאר זַיינֶע בֶּעשְׁטֶענְדִיגֶע סְקַאנְדַאלִין אוּנ פַאר זַיין עַזוּת ׃ דֶער יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ וֶועלְכֶער וַואר אַזָאהְן פוּן אַיין אֵיינְפַאכֶען פַאקְטָאר אִין אַגָאסְטִינִיצֶע הָאט קֵיין וָוארְט יוּדִישׁ גִיקָאנְט, אוּנ הָאט גָאר נִיט גֶעוואוּסְט וָואס הֵייסְט אַזֶעלְכֶעס יוּדִישְׁקַייט, אוּנ בערטהע הָאט אִים שְׁטַארְק לִיבּ גֶעהַאט דֶער פַאר וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען אַפְרֶאהלִיכֶער יוּנְג, עֶר הָאט זֶעהֶער גוּט גֶעטַאנְצְט אוֹיךְ גֶעזוּנְגֶען, עֶר הָאט אוֹיף יוּדֶען אוֹיסְגִירֶעט כָּל דָבָר אָסוּר; עֶר פְלֶעגְט זִיךְ זָאגַאר פֶערְגִינֶען צוּא זָאגִין אַז וֶוען עֶר זָאל קֶענֶען וָואלְט עֶר אַלֶע יוּדֶען אוֹיסְגֶעקַיילֶעט אִין אֵיין טָאג ׃

עֶר אִיז מִיט בערטהען שְׁטַארְק בֶּעפְרַיינְדֶעט גִיוֶוען אוּנ הָאט זִיא שׁוֹין גִירֶעכִינְט פַאר זַיין כַּלָה, עֶס הָאט נִיט גֶעטָארְט פֶעהלִין אֵיין טָאג עֶר זָאל זִיא נִיט קוֹמֶען בֶּעזוּכֶען, מִיט אִיר פֶערְבְּרֵיינְגֶען עֶס הָאט שׁוֹין גֶעהַאלְטֶען דַאבַּייא אַז וֶוען בערטהע פְלֶעגְט מִיט יֶעמַאנְדֶען לִיבְּלִיךְ רֵיידֶען אִיז פיאדאר שְׁטַארְק אֵייפֶערְזִיכְטִיג גִיוֶוען, אוּנ דָאס זֶעלְבֶּע פְלֶעגְט אִיר אוֹיךְ שְׁטַארְק פֶערְדְרִיסֶען וֶוען אִיר לִיבֶּר פיאדאר הָאט גֶעוִויזֶען אַלִיבְּלִיכֶע מִינֶע צוּ אֵיין אַנְדֶערֶער ׃

וִויא וַוייט זַייא הָאבִּין זִיךְ שׁוֹין גִירֶעכִינְט פַאר חָתָן כַּלָה קָאנֶען מִיר פֶערְשְׁטֶעהְן פוּן דָעם פָאלְגֶענְדֶען גֶעשְׁפְּרֶעךְ וָואס וַואר צְווִישֶׁען זַייא אוּנְטֶער פִיר אוֹיגֶען ·

וָואס זִיצְט דוּא אַזוֹא פֶערְזָארְגְט פִיאדאר? — הָאט זִיא אִים גֶעפְרֶעגְט אֵיינְמָאל אַלְס זִיא הָאט בַּאמֶערְקְט אַז עֶר זִיצְט שְׁטַארְק פֶערְטְרַאכְט אוּנ פֶערְזָארְגְט ·

וִויא זָאל אִיךְ נִיט זַיין פֶערְזָארְגְט — הָאט עֶר פֶערְדְרִיסְלִיךְ גִיעֶנְטְפֶערְט — אַז אִיךְ זֶעה אַז דוּא בִּיזְט נִיט דִי אֵייגֶענֶע בערטהע וָואס פְרִיהֶער · — וָואס הֵייסְט אִיךְ בִּין נִיט דִיא אֵייגֶענֶע? וָואס בִּין אִיךְ גִיוֶוען פְרִיהֶער אוּנ וָואס בִּין אִיךְ יֶעצְט ·

פְרִיהֶער בִּיזְטוּ גִיוֶוען מַיינֶע, דוּא בִּיזְט צוּא מִיר גִיוֶוען צוּא גֶעבּוּנְדֶען מִיט לַייבּ אוּנ זֶעלֶע, אוּנ הַיינְט...

וָואס אִיז הַיינְט?

הַיינְט בִּיזְט דוּא צוּא מִיר שְׁטַארְק קַאלְט גֶעוָוארִין · דוּא בִּיזְט מִיר עֶפֶּעס צוּא פִיל גוּט מִיט קרימנאזין, אִיךְ הָאבּ גוּט גִיזֶעהֶען מִיט וָואס פַאר אֵייגֶעלַאךְ דוּא קוּקְסְט אוֹיף אִים · וַוייסְט דוּא דֶען נִיט אַז אִיךְ בִּין אַמֵבִין אוֹיף דִיא זַאכִין ·

צוּא דוּא בִּיזְט אַמֵבִין אוֹיף דִיא זַאכִין אָדֶער נִיט וַוייס אִיךְ נִיט — הָאט בערטהע גִיעֶנְטְפֶערְט — נָאר אִיךְ בִּין גֶעוִוים אַמֵבִינְטֶע אוֹיף דַיינֶע פָאקוּסֶען ·

וָואס פַאר פָאקוּסֶען הָאסְטוּ בַּייא מִיר בַּאמֶערְקְט?

זַייא זִיכֶער אַז אִיךְ הָאבּ גוּט בַּאמֶערְקְט וִויא דוּא סוֹדֶעסְט זִיךְ מִיט העלענא גראבליפ · דוּא וַוייסְט דֶען נִיט אַז מִיךְ נַארְט מֶען נִיט · נָאר אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה גָאר נִיט וָואס בַּאהַאלְטְסְט דוּא זִיךְ אַזוֹא פַאר מִיר מִיט דַיין לִיבֶּע צוּ העלענאן, אִיךְ וֶועל דִיר גֶעוִוים אִין וֶועג נִיט שְׁטֶעהְן, מָאגְסְט מִיט אִיר חַתוּנָה הָאבִּין חָאטְשׁ מָארְגֶענְדִיגֶען טָאג · — מִיךְ בִּיזְטוּ חוֹשֵׁד אַז אִיךְ הָאבּ לִיבּ דָער מִיאוּסְקַייט, דָער פַאסְקוּדְסְטְוָוא?

דָאס רוּפְסְט דוּא זִיא נוּר אִין מַיין גֶעגֶענְוַוארְט מִיאוּסְקַייט אוּנ פַאסְקוּדְסְטְוָוא, אִיר אַליין אָבֶּער מַאכְסְט דוּא דִיא גְרֶעסְטֶע

קָאמְפְּלִימֶענְטֶע, אוּנ זָאגְסְט אִיר גָעוִויס אַז זִיא אִיז שֵׁיין וְויא דִי זָאנְנֶע.

דוּא הָאסְט אַיין אִירְטְהוּם מַיין לִיבֶּע בערטהע אוֹיף אַזָעלְכֶע מֶעדְכֶענְס וְויא העלענא אִיז עֶקְעלְט מִיר גָאר אַקוּק צוּא טָאן, נָאר אַז זִיא רֶעט צוּא מִיר מוּז אִיךְ דָאךְ אִיר עֶנְטְפֶערִין.

נוּא אוּנ אַז קרִימנאַז רֶעט צוּ מִיר מוּז אִיךְ דָאךְ אִים אוֹיךְ עֶנְטְפֶערִין, דוּא וֶועסְט פִילַייכְט מִיךְ בַּאלְד גִיט לָאזִין מִיט קֵיין מֶענְטְשִׁין רַיידִין נָאר מִיט דִיר, דוּא וֶועקְט מִיךְ בַּאלְד חוֹשֵׁד זַיין אַז אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ לִיבּ דֶעם יְשִׁיבָה בָּחוּר וָואס עֶסְט בַּייא אוּנְז אַטָאג וַוייל אִיךְ הָאבּ אַפָּאר מָאל מִיט אִים גִירֶעדט.

זָעהסְט דוּא מִיט אַזָעלְכֶע מֶענְטְשִׁין וְויא דֶער יְשִׁיבָה בָּחוּר אִיז מָאנְסְטוּ רַיידִין וְויפִיל דוּא וִוילְסְט — הָאט פיאדאר לַאכֶענְד גִיזָאגְט — וַוייל אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ לִיבּ מִיט אַזָעלְכֶע אִידְיָאטִן צוּ רַיידִין מִיא פַארְשְׁפָּארְט רַיידֶענְדִיג מִיט זַייא אִין טְהֶעאַטֶער צוּא גֶעהְן.

חַא חַא חַא! — הָאט זִיךְ בערטהע פַאר נָאנְדֶער גֶעלַאכְט — דוּא הָאסְט בַּאדַארְפְט זֶעהֶען אוּנ הֶערִין וָואס פַאר אַרָאלְיֶע אִיךְ הָאבּ פָארְגֶעסְטֶערִין גֶעשְׁפִּילְט מִיט דֶעם יְשִׁיבָה בָּחוּר.

וָואס אִיז דָארְט גִיוֶועז פַאר אַזַא פְרָאהְלִיכֶע רָאלְיֶע?

אִיךְ הָאבּ אִים גִיפְרֶעגְט צוּ אִיךְ גִיפֶעהל אִיהם, צוּ וִוילְל עֶר מִיךְ פַאר אַכַּלָה.

נוּא וָואס הָאט עֶר דִיר גִיעֶנְטְפֶערְט? — הָאט פיאדאר לוּסְטִיג גִיפְרֶעגְט.

עֶר הָאט מִיר גִיעֶנְטְפֶערְט חַא חַא חַא! עֶר הָאט גִיעֶנְטְפֶערְט אַז אִיךְ גִיפֶעהל אִיהם זֵייעֶר, אוּנ עֶר וָואלְט מִיט פֶערְגֶענִיגֶען מִיךְ גִינוּמֶען פַאר אַכַּלָה.

חֶע חֶע חֶע! — הָאט זִיךְ אוֹיךְ פיאדאר צוּ לַאכְט — דוּא וַוייסְט מַיין לֶעבֶּען וָואס אִיךְ וֶועל דִיר זָאגֶען, מִיר קָאנֶען דָא פָארְשְׁטֶעלִין אַשֵׁיינֶע קָאמֶעדְיֶע.

וָואס פַאר אַקָאמֶעדְיֶע?

דוּא שַׁדְכֶנֶע זִיךְ בֶּעסֶער צוּ צוּ דֶעם יְשִׁיבָה בָּחוּר זָאג אִיהם אַז דוּא בִּיזְט אִין אִיהם פֶערְלִיבְּט, אוּנ דוּא וִוילְסְט נָאר עֶר זָא

זַיין דַיין מַאן , אוּנ אַז עֶר וֶועט מַסְכִּים זַיין צוּ דֶעם שִׁידוּךְ וֶועלִין מִיר בּוּדְטָא בִּי שְׁפִּילֶען אַייעֶר חתונה , אוּנ מִיר וֶועלִין הָאבִּין צוּ לַאכֶען בִּיז הוּנְדֶערְט מִיט צְוַואנְצִיג יָאהר . •

דוּא בִּיזְט גִירֶעכְט בַּייא מַיין עֶהרֶענְוָוארְט , דָאס וֶועט וִוירְקְלִיךְ זַיין אַלוּסְטִיגֶע סְצֶענֶע , זַייא זִיכֶער אַז אִיךְ וֶועל דָא מַאכֶען אַזַא לוּסְטְשְׁפִּיעל אַז דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט וֶועט הָאבִּין וָואס צוּ לַאכֶען .

## ג.

## סְ'אִיז נִיטָא וֶוער עֶס זָאל לַאכֶען .

דֶער קְלֶעצְקֶער יְשִׁיבָה בָּחוּר וָואס הָאט גִיגֶעסִין אַטָאג בַּייא סאמסאן בורלאק אִין שְׁטוּבּ וַואר שָׁאן אַבָּחוּר פוּן אַיָאר צְוַואנְצִיג עֶר אִיז אֲפִילוּ גִיוֶועז נִיט מִיאוּס , אָבֶּער זַיינֶע לַאנְגֶע פֵּאוֹת , אוּנ זַיינֶע אַלְטְמָאדִישֶׁע צֶערִיסֶענֶע קְלַיידֶער הָאבִּין אִיהם גִיגֶעבִּין אַקָאמִישֶׁעס אוֹיסְזִיכְט , דַאצוּ הָאט עֶר אוֹיס גִיזֶעהֶען זַייעֶר דוּם , עֶר פְּלֶעגְט כִּמְעַט גָאר נִיט רֵיידִין אַלְס עֶר אִיז גִיקוּמֶען עֶסֶען , אוּנ דִיא אַנְטְוָוארְטֶען וָואס עֶר הָאט גִיעֶנְטְפֶערְט אוֹיף דִיא פְרַאגֶען וָואס מִיא פְּלֶעגְט אִיהם מַאכֶען זַיינֶען גִיוֶועז שְׁמַאקְלָאז זָאנַאר אִידְיָאטִישׁ , מִיא הָאט אִיהם אִין יַאטְקֶע גֶערִימְט פַאר אַגְרוֹיסִין לַמְדָן , מִיא הָאט זָאגַאר גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט אַמָאל זַיין אַרָב , אָבֶּער דַאבַּייא פְלֶעגְט מַאן נִיט פֶערְגֶעסִין דֶער מָאגֶען אַז עֶר אִיז אַגְרוֹיסֶער שׁוֹטֶה . — מִיר זֶעהֶען אִיהם יֶעצְט בַּייא סאמסאנען אִין שְׁטוּבּ עֶר זִיצְט בַּייא דֶעם טִישׁ אִיבֶּער אַטֶעלֶער הֶערִינְג מִיט בְּרַייט אוּנ עֶסְט אָן עַיִן הָרָע מִיט אַשְׁטַארְקִין אַפֶּעטִיט , עֶר הָאט זִיךְ פוּן דֶעם עֶסִין נִיט גִישְׁטֶערְט אֲפִילוּ דַאן אַז דִיא טִיהר הָאט זִיךְ גִיעֶפִינְט אוּנ בערטהע אִיז אַרַיין גִיקוּמֶען מִיט אַשְׁמֵייכֶעל אוֹיף דִיא לִיפְּפֶען אוּנ הָאט זִיךְ גִיזֶעצְט גֶעגֶען אִיהם .

ווִינְשֶׁע גוּטֶען אַפֶּעטִיט ! — הָאט זִיא גֶעזָאגְט .

אַיִשַׁר כֹּחַ אַייךְ ! — הָאט עֶר גִיעֶנְטְפֶערְט אוּנ הָאט וַוייטֶער גִיגֶעסִין . — זָאגְט מִיר נָאר יוּנְגֶער מַאן , אִיהר גֵייט שׁוֹין צְווֵא אוּנְז בַּיינַאהֶע אַהַאלְבּ יָאר אַרַיין אִין שְׁטוּבּ , אוּנ אִיךְ ווַייס נִיט פוּן ווַאנֶען אִיהר זֶענְט . — פוּן קְלֶעצְק בִּין אִיךְ .

וואו איז דאס ערגעץ דיא שטאט קלעצק ?
זיא איז ניט ווייט פון דעם דארף קרושניק .
איהר האט דארט עלטערין ? — איך האב זאל געזונד זיין אטאטען — האט ער גיענטפערט אלץ עסענדיג .

איהר וועט נאך עפעס לאנג דא אין יאטקע לערנען ?
איך ווייס ניט . — מיר איז בייא מיין עהערענווארט אוואונדער — האט זיא נאך אקורצעס שווייגען געזאגט — פאר וואס זיצט איהר אזוי לאנג אבחור , איך האב גיהערט אז דיא פרומע בחורים האבין חתונה צו 15 יאהר , מיא רעט אייך גאר קיין שידוכים ניט ? — ניין ! — אונ וויא זאל זיין ווען איך זאל וועלין זיין בייא אייך אשדכינטע , אונ וואלט אייך גירעט אשידוך וואלט איהר מסכים גיוועזן ? — פאר וואס ניט .

איך האב פאר אייך זייער אנוטען שידוך , דיא כלה איז אגבירס אטאכטער , אונ האט זייער אגרויסין נדן מיא וויל איהר געבין צעהן טויזינד רובל . — צעהן טויזינד רובל ? אי אי אי אי ! האט זיך דער ישיבה בחור גיוואונדערט .

אונ דיא כלה אליין — האט בערטהע ווייטער גירעט — איז ניט קיין מיאוס מיידעל , אונ זיא האט אייך אזוא ליעב פשוט וויא איהר לעבין . — אזוי ? -- האט ער אידיאטיש גיפרעגט .

יא יא זיא איז אין אייך פערליעבט , דיא פראגע איז אבער צו וועט איהר זיא אויך אזוי ליב האבין וויא זיא אייך . צום בייא שפיל קוקט מיך אן איך בין אייך עפעס גיפעלין ?

דער קלעצקער האט אויף איהר רוהיג אקוק געטאן אונ אריינלייגענדיג אשטיק ברייט אין מויל האט ער גיענטפערט : יא !

אזוא איך בין אויך יא גיפעלין ? — האט בערטהע געזאגט אונ האט זיך מיט אלע קרעפטע בעמיהעט זיא זאל ניט אויס שיסען אגילעכטער — דאס פרייעט מיך זייער , נוא אונ ווען דיא כלה וואס איך רייד אייך איז אזא מיידעל וויא איך בין וואלט איהר זיא געוואלט ? — פאר וואס ניט .

זעהט איהר יעצט זענט איהר בייא מיר געווארין מיט ניינציג

פראצענט טייערע, איך זעה אז איר זענט אבראפער ארדענטליכער מאן, אונ איך ווינטש מיר גאר ניט בעסער וויא צוא בעקומען אזא מאן וויא איהר זענט; — אצופרידענער שמייכיל איז דורך געלאפין דורך דעם קלעצקערס ליפפען.

זאגט מיר נאר ליבער פריינד וויא איז אייער נאמען — האט זיא גיפרעגט אונ וואר העכט צו פרידען וואס איהר קאמעדיע שפילט זיך אזו גוט; — מיא רופט מיך שמען.

וויא שמעון? אך זייער אשיינער נאמען אז איהר וועט אמאל וועלין ווערין אדייטש וועט מאן אייך קאנען רופען זימאן, נוא אונ וויא איז אייער פאמיליע. — מיין פאמיליע איז קוגעל.

דא האט זיך שוין בערטהע ניט גיקאנט איינהאלטען, אונ האט זיך אויף געווייסע פינף מינוטען פונאיינאנדער געלאכט, נור דער ישיבה בחור איז גיזעסין אזו רוהיג פונקט וויא דאס זאל איהם גאר ניט אן גיין, ער האט זיך קאלט קליטיג געליינט אביסין נאך אביסין אין מויל. — חא חא חא! קוגעל, חי חי חי? — האט זיא אויפין קול געלאכט — איהר ווייסט העררך קוגעל חא חא חא! איהר ווייסט וואס איך לאך. — פון וואנען זאל איך וויסען?

איך לאך חי חי חי! איך לאך דער פון וואס ביא אייך אין דער ליטא האט מען אזו ליב דעם קוגעל אז מיא גיט די קינדער נאך איהם אנאמען וויא נאך אצדיק. — אקוגעל נאר אפעטער איז טאקע זייער געשמאק — האט דער העררך קוגעל גיענטפערט.

חא חא חא! — האט זיא זיך גאר אויף דאס נייע פון איינאנדער געלאכט — וויא איך האב העררך איהר זיך זייער ליעב נוייל איהר האט ליב קוגעל, נאר גילעכטער אן אזייט, איך וויל מיך אומקערין צוא מיין ערקטען גישפרעך, איך וויל מיט אייך ביידין קורץ אונ שארף, זאגט נאר איר וואלט וועלין מיט מיר חתונה האבין. — אשאלה אביסעל צו איך וואלט וועלין.

נוא אויב אזו קאנען מיר חתונה האבין האטש מארגענדיג טאג, ווייל איהר גיפעלט מיר זייער, אונ איך גיפעל דאך אייך אויך, נער זשע קאן אונזער גליק שטערין;

-וא אונ אייער טאטע? — האט ער גאנץ רוהיג גיפרעגט:
מיין טאטע? איך וועל איהם דען פרעגען? מיר וועלין
חתונה האבין נאר אן זיין ידיעה ערשט נאך דער חתונה וועלין
מיר איהם בעטין ער זאל אונז אב געבין מזל טוב.

וואו זשע וועט זיין אונזער חתונה.

וואס הייסט וואו, טאקע דא ביי אונז אין זאאל, דער
פאטער וועט מארגען ביינאכט צו הויז ניט זיין, דען ער איז
געלאדען אויף א באל צום פאליצמייסטער, אונ איך וועל צוא
זאמען רופען מיינע גוטע פריינד, אונ מיר וועלין שטעלין א חופה,
זענט איהר צו פרידען?

פאר וואס ניט איך בין שטארק צו פריעדען.

נוא אויב אזוי איז שוין ביי אונז גיענדיגט, איך בין אייער
כלה אונ איהר זענט מיין חתן אונ מארגען ביי נאכט וועט זיין
אונזער חתונה.

זאל זיין מיט מזל. — האט דער ישיבה בחור גיענטפערט

בערטהע האט זיך שיער אבערמאלס צולאכט, זיא האט זיך
אבער איינגעהאלטען, אונ האט געזאגט: זאלט איהר זשע וויסען
אז מארגען ביי נאכט וועט זיין אונזער חתונה, איהר זאלט ניט
פערגעסען צו קומען. — איך וועל געוויס קומען, דער גייל אגוטען
טאג — האט דער קלעצקער גיענטפערט אויפשטעהענד פון זיין ארט
אונ איז אוועקגעגאנגען.

חא חא חא! חי חי חי! — האט זיך ערשט נאך זיין ארויס-
גאנג בערטהע פונאנדערגעלאכט — אוי עס איז נימא ווער עס
זאל מיר העלפין לאכען, מארגען וועט זיין א שיינע חתונה, חא
חא חא חא!

———

(ישיבה בחור) עם

# ד.

## אַלוּסְטִינֶע חֲתוּנָה.

עָס אִיז גִיוֶועזֶען אַיינֶע פוּן דִיא שְׁרֶעקְלִיכֶע ווִינְטֶערְנֶעכְט, אוֹיף וֶועלְכֶע מִיא זָאגְט אַז מִיא טָאהר אִין זַייא אֲפִילוּ קַיין הוּנְד אוֹיף דֶער גַאס אַרוֹיסְלָאזִין, דְרוֹיסֶען וַואר אַזוֹי פִינְסְטֶער זָא דָאס מִיט הָאט קַיין גֶעגֶענְשְׁטַאנְד גֶעקָאנְט בֶּעמֶערְקֶען, דַאצוּ הָאט עָס גֶעשְׁנֶעעט אוּנ גֶעוֶועהט מִיט אַזַא קְרַאפְט זָא דָאס עָס וַואר ווִירְקְלִיך אוּנְמֶעגְלִיך אַפִּוּס אִין דֶער גַאס אַרוֹיסְצוּשְׁטֶעלֶען.

אוּנ דָאךְ הָאט דִיא שְׁלֶעכְטֶע פָאנָאדֶע נִיט גֶעשְׁטֶערְט דִיא יַאטְקֶער וַוייְלֶע יוּנְגֶען אוּנ מֶעדְכֶענס זַייא זָאלִין קוּמֶען אִין סַאלָאמָאן בּוּרְלַאקְס הוֹיז אַנְטְהַייל נֶעהמֶען אִין דֶעם שְׁפַּאס וָואס דִיא גֶעבִּילְדֶעטֶע בערטהע הָאט דָא גֶעוָואלְט מַאכֶען מִיט דֶעם הֶערְרִין קוּנֶעל, אָדֶער מִיט דֶעם קלעצקער יְשִׁיבָה בָּחוּר.

נָאךְ גֶעסְטֶערִין הָאט זִיא אָנְגֶעזָאגְט אַלֶע אִיהרֶע בֶּעקַאנְטֶע זַייא זָאלֶען קוּמֶען הַייטֶע אוֹיף אִיהר הָאכְצַייט, זִיא הָאט זַייא עֶרְ-צֶעהלְט דִיא גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע ווִיא זִיא הָאט אַיינְגִירֶעדְט דֶעם נַארֶעשֶׁען בָּחוּר אַז זִיא וֶועט מִיט אִיהם חֲתוּנָה הָאבִּין, אוּנ עֶר הָאט זִיךְ אָן דֶעם אָנְגֶעחַאפְּט מִיט הֶענְד אוּנ מִיט פִּיס.

דֶער הֶערר פְּיָאדָאר גְרַאבְּיוּנְג וַואר עֶנְטְצִיקְט פוּן דֶעם שְׁפַּאס, אוּנ הָאט זִיךְ פַאר זַיינֶע קָאמֶערַאדֶען בֶּערִיהמְט אַז נוּר זַיין קְלוּגֶער קָאפְּף הָאט דֶעם שְׁפַּאס אוֹיפְגֶעטָאהן, עֶר הָאט מִיט דֶער גַאנְצֶער חֶבְרָה אָבְּגֶעמַאכְט ווִיא אַזוֹי מִיא זָאל דָא מִיט דֶעם אִידִיאַטִישֶׁען יְשִׁיבָה בָּחוּר שְׁפִּילֶען זַייעֶרֶע רָאלְיֶען ווִיא מִיא זָאל אִיהם פִיהרֶען צוּ דֶער חוּפָּה, אוּנ מִיא זָאל אִיהם אַיינְבִּילְדֶען אַז עֶר הָאט מַאקֶע חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט בערטהען.

גוּא הָאט זִיךְ יֶעמַאנְד גֶעקָאנְט אַיינְהַאלְטֶען נִיט צוּ קוּמֶען צוּ

אנא לוסטיגען ספעקטאקל ? דאצו נאך האבען זייא געוואוסט אז אין דעם אבענד וועט סאמאסאן צו הויזע ניט זיין , וועלען זייא דאך קאנען אונגעשטערט זייער קאמעדיע פארשטעלען .

אונגעפעהר צוועלף פערזאן יונגע פראנטען מיט מיידלאך האבען זיך צוזאמענגעקליבען בייא סאמסאנען אין זאל הויזיק מאכען פון דעם נארעשען ישיבה בחור , פיאדאר גראבוינג מיט זיינעם אקאמעראד גרינאר עזעלקאפף האבין זיך אויסגערופען אז זייא וועלין זיין דיא אונטערפיהרער , אונ צווייא פון דיא יאטקער געבילדעטע פריילינס זיינען צוגעשטאנען צו זייא אלס אונטערפיהרערקעס , איינגער מאן באריס קלאטץ וועלכער האט זייער גוט געקאנט זאגען גראמען האט זיך אונטערגענומען דא שפילען דיא ראליע פון אבדחן , אויך שנאפס מיט פערבייסאכץ האט מען צוגעגרייט צו דער פאלשער חתונה אונ מיא האט דאס גישטעלט אויף דעם טיש אום דער נארישער ישיבה בחור זאל זעהען אז מיא האט זיך דא צוגעגרייט אויף דער חתונה . — מיט דער גרעסטער אונגעדולד האבען אלע ערווארטעט דעם חתן , אום דיא קאמעדיע זאל זיך שוין אנהייבין , מיא האט דערווייל געזאגט וויטצען , געלאכט , געשטיפט , אבער דער זייגער האט שוין געשלאגען אכט אונ דער ישיבה בחור איז אלץ ניט געקומען . — דיא חברה האבין אנגעהייבען אונרוהיג צו ווערין , זייא האבין אנגעהייבען מורא צו האבין פיעלייכט האט זיך דער ישיבה בחור געשטייסען אז מיא וויל דא פון איהם אבלאכין , אונ ער וועט זייא אלע אנפייפין , אונ וועט גאר ניט קומען .

זייא זיינען אבער באלד אלע גאר נייאבעלעבט געווארין אלס אין אפירטעל שטונדע ארום האט דאס דינסט מיידעל געמעלדעט אז דער ישיבה בחור איז דא , צווישען דער חברה איז געווארין אשטארקע בעוועגונג , איינער דעם צווייטען האט אנגעהייבען אויס בערגעניגען צו קנייפין אונ טשופען , יעדער האט אנגענומען אנ׳ערינסטע מינע , נאר צווייא מיידלאך פון דער געזעלשאפט האבין זיך ניט געקאנט איינהאלטען , אונ האבין געמוזט אריינ-

לייפֶּען אין צְוַוייטֶען צִימֶער: — בערטהע הָאט גֶעהַייסֶען, דֶער דִינסט זָיא זָאל דֶעם ישיבה בהור אַריינְרוּפֶען אַהֶער.

עֶס הָאט נִיט לַאנְג גִיוָועהְט אונ דֶער הֶערר קוגעל אִיז אַריינְגֶעקוּמֶען אִין זַיין שַׁבְּתְדִינְגֶע קאמְלֶעטֶענֶע קַאפָּאטֶע, דִיא פאות אויסְגֶעגְרַייזֶעלְט אַקַאלְנֶער פון אַווייסֶער הֶעמְד הָאט זַיין גַאנְצֶען אַקְסֶעל אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט, עֶר אִיז רוּהִיג אַריינְגֶעקוּמֶען אונ הָאט גֶעזָאגְט אַבְּרַייטֶען גוּט נָאבֶענְד!

דִיא גַאנְצֶע חֶבְרָה זַיינֶען שִׁיעֶר דֶערְשְׁטִיקְט גֶעוָוארִין פון דֶעם גִילֶעכְטֶער וָואס הָאט זִיךְ זַייא דוּרְךְ דֶעם הַאלְז גֶעשְׁפַּארְט, אונ בארים קלאטץ הָאט אַגֶעשְׁרַייא גֶעטָאהן:

שׁאט רַבּוֹתַי דָא קוּמְט אוּנְזֶער חָתָן!
אַמֶלֶכְ׳שֶׁען כָּבוֹד גִיט אִיהם אָב אַלְלֶע
דֶערְפַּאר וֶועט עֶר פון דֶעם לְוָיָתָן
גֶעבִּין אַשְׁטִיק זַיין שֵׁיינֶער כַּלָה
עֶר אִיז דָאךְ אַצוּנְד אוּנְזֶער מֶלֶךְ
ווינְטְשְׁט אִיהם אַלְלֶע נַחַת גְלִיק
נוּא לֶעבֶּעדִיג בְּרִידֶער לוּסְטִיג פְּרֵיילִיךְ
גֶעמְט זִיךְ נִיכֶער צוּ דֶער מוּזִיק.

בַּאלְד הָאט אֵיינֶער פון דֶער גֶעזֶעלְשַׁאפְט גֶעהַאפְּט אַמֶעדְנִיצֶע, דֶער צְוַוייטֶער אַשְׁטֵייסֶעל מִיט אַטוּקַאטְשִׁיק, אַדְרִיטֶער הָאט פון קִיךְ אַריינְגֶעטְרַאגֶען אַפֶּענְדֶל אונ מִיא הָאט אָנְגֶעהֵייבֶּען צוּ קְלַאפִּין אונ צוּ פּוּיקֶען, אונ דַאבַּייא צוּ זִינְגֶען.

דֶער חָתָן הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט נֶעבֶּען טִישׁ וויא אַשְׂרָרָה אונ הָאט אִידִיאָטִישׁ צוּגֶעקוּקְט צוּ דֶער שְׁפִּיעל וויא אוֹיף אַגֶעוָועהְנְלִיכֶע זַאךְ, דִיא פְּרָאֶהלִיכֶע יוּנְגֶען זַיינֶען צוּ אִיהם צוּגֶעגַאנְגֶען הָאבִּין אִיהם גֶעזָאגְט מַזָל טוֹב, אונ עֶר הָאט רוּהִיג גִיעֶנְטְפֶערְט: מִיט מַזָל זָאלְט אִיהר לֶעבֶּען!

ישי, דער

דָער כַּלָה בַּאזֶעטְצֶען, מִיא בַּאדַאךְ דָער כַּלָה בַּאזֶעטְצִין הָאט באריס קלאטץ אַגֶעשְׁרַייא גֶעטָאהן.

דִיא מַיידְלַאךְ הָאבִּין גֶענוּמֶען בערטהען הָאבִּין זִיא אַוֶועקְ גֶעזֶעצְט אִין מִיטֶען זַאל אוֹיף אַשְׁטוּל אוּנ קלאטץ הָאט אִיהר גֶעזָאגְט וָואס נָאר אִיהם אִיז אַרַיינְגֶעפַאלֶען אִין מויל, אַלֶע הָאבִּין גֶעהַאלְטֶען טִיכְלִיךְ צוּ דִיא אוֹיגֶען אוּנ הָאבִּין זִיךְ אוּנְטֶער דִיא טִיכְלִיךְ גֶעשְׁטִיקְט פוּן גֶעלֶעכְטֶער.

חָתָן דָער כַּלָה בַּאדֶעקֶען! — הָאט קלאטץ עֶנְדְלִיךְ אַגֶעשְׁרַייא גֶעטָאהן.

דָער חָתָן אִיז זִיךְ לַאנְגְזַאם אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, מִיא הָאט אִיהם דֶערְלַאנְגְט אַזַיידֶענֶע טוּךְ, אוּנ עֶר הָאט בַּאדֶעקְט דִיא כַּלָה, אוּנ דִיא פְּרָאצֶעסְסִיֶע הָאט זִיךְ אָנְגֶעהֵייבֶען מִיט דָער חוּפָּה:

אוֹיף פִיהר הֵייבֶע שְׁטֶעקֶענְס הָאט מֶען אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אַלַיילִיךְ, אוּנ מִיא הָאט אַהִין אַרוּנְטֶער גֶעפִיהְרְט דָער כַּלָה נָאכְדֶעם הָאט פיאדאר גראביונג מִיט גריגאר עזעלקאפף גֶעבְּרַאכְט דָעם חָתָן אוּנְטֶער דָער חוּפָּה, מִיט אַשְׁרֶעקְלִיכֶען גֶערוּיש פוּן דָעם קְלַאפִּין אִין דָער מֶעדְנִיצֶע אִין שְׁטַייסֶעל אוּנ אִין פַּאן.

אַלֶלֶע זַיינֶען אָן זַייטֶען גֶעבְּלִיעבֶּען לַאכֶענְדִיג אַלְס דָער נַארִישֶׁער חָתָן הָאט אַרוֹיס גֶענוּמֶען אַזִילְבֶּערְנֶעם צֶעהֶנְקָאפֵּייעֶטְשְׁנִיק הָאט אִיהם גֶעגֶעבֶּען דָער כַּלָה אוּנ הָאט דַאבֵּייא הֵייךְ גֶעזָאגְט דָעם גאנְצֶען „הֲרֵי אַתְּ".

באריס קלאטץ הָאט גֶעזוּנְגֶען אַחַזָנִישֶׁע שְׁטִיק, אוּנ דַאמִיט הָאט זִיךְ דִיא חוּפָּה גִיעֶנְדִיגְט, עֶרְשְׁט יֶעצְט אִיז גֶעוָוארִין אַזִינְגֶערַייא אוּנ אַטַאנְצֶערַייא, אוּנְזֶער פיאדאר הָאט דָא גֶעוִויזֶען זַיין גאנְצֶע קוּנְסְט אִין טַאנְצֶען, עֶר הָאט נָאכְגֶעקְרִימְט דִיא אַלְטֶע וַוייבֶּער וָואס טַאנְצֶען פוּן דָער חוּפָּה גֵייעֶנְדִיג אַקָאזַאק, אוּנ אַלֶע זַיינֶען פָּשׁוּט צוּ דָער עֶרְד גֶעפַאלֶען פוּן גִילֶעכְטֶער.

אָבֶּער בַּאלְד הָאט מֶען דָעם חָתָן גֶעגֶעבֶּען צוּ פִיהלֶען אַז

מיא האט נאר פון איהם חוזיק געמאכט, דען פיאדער האט דער ערשטער איהם פון הינטען געגעבען אצופ פאר דער רעכטער פאה, אונ אלס ער האט זיך ארומגעקוקט האט איהם אצווייטער געגעבין אטשופ, אדריטער אקלאפ, אונ אזוי האט מען איהם פון אלע זייטען אנגעהייבען צו צופען אונ צו רייסען אונ דאביא האט מען געשריען „חתן מזל טוב״.

דער חתן האט דא דערזעהען אז מיט איהם איז ניט פריילך, איז ער געשווינד אויפגעשטאנען אונ האט זיך געלאזט געהען צום טיהר, אבער פיאדאר אונ דיא איבעריגע האבין זייער געזשאלעוועט ארויסצולאזין אזא מויז פון זייער קאטצענמיילער, אונ זייא האבין איהם דעם וועג פערשטעלט נאר פלוצלונג איז פון דער מויז אלייב געווארען, דער נארישער שלימזלדיגער חתן האט אנגענומען אנ׳ערינסטע מינע, ער האט דאביא אויפגעהייבען דיא הענד אונ האט פיאדאר׳ן גאר צום ערשטען ארא פגעלאזט אזא פאטש זא דאס ער איז באלד צו דר׳ערד געפאלען דיא איבעריגע האט ער מיט אנ׳אונגלויבליכע קראפט פון זיך אבגעשטייסין אונ איז ארויסגעלאפין פון סאמכאנס שטוב, אונ לייפענדיג דורך דעם עססען שטוב האט ער זיך פערטשעפעט אן דער טישטוך וואס איז געלעגען אויף דעם טיש אונ האט זיא אראפגעשלעפט צוזאמען מיט איהר האט ער אויך אראפגעשלעפט דעם גאנצין קרעדענץ פארצעלייא וואס דא איז געשטאנען מיט דעם טהייערין לאמפ אונ זייא האבין זיך צובראכען אויף שטיקליך.

דיא שמחה איז פערקעהרט געווארין צו טרויער, פיאדאר האט זיך געהאלטען מיט אגעשוואלענער באק, עזעלקאפ מיט אצושלאגענער נאז, היינט דער היזיק וואס דא איז געוועזן.

בערטהע האט שוין גאר חרטה געהאט אויף דער גאנצער קאמעדיע, אונ האט גוט אנגעזידעלט פיאדארן דערפאר וואס ער האט דאס דיא חתונה אויפגעשפיעלט.

# ה.

## װָעה אִיז דֶעם טַאטֶען !

דֶער זַײגֶער הָאט גֶעשְׁלָאגֶען דִיא צֶעהנְטֶע שְׁטוּנְדֶע פַאר הַאלְבֶּען טָאג, דְרױסֶען הָאט זִיךְ שׁױן אױסְגֶעלַײטֶערְט, נָאר דֶער שְׁנֶעע הָאט אַלְלֶע יַאטְקֶער גַאסֶען פֶערְדֶעקְט, אוּנ דִיא אַײנְװָאהנֶער פוּן דֶער שְׁטָאדְט הָאבֶּען גֶעמוּזְט קְרִיכֶען אִיבֶּער דִיא קְנִיעֶ אִין שְׁנֶעע.

סאמסאן בורלאק אִיז זִיךְ גֶעזֶעסֶען בַּײא זִיךְ אִין קַאבִּינֶעט אִין זַײן אַלְטֶען זַײדֶענֶעם שְׁלָאפְרָאק װָאס מִיא הָאט אִיהם נָאךְ גֶענַײט צוּ דֶער חֲתוּנָה, אוּנ הָאט גֶערױכְט אַלְיוּזֶקֶע, עֶס װַאר לַײכְט אָן אִיהם צוּ עֶרְקָאנֶען אַז עֶר אִיז גֶיוֶועןְ שְׁטַארְק אִין כַּעַס, דֶער עֶר הָאט גֶעבְּלָאזֶין דֶעם רױךְ פוּן זַײן מוּנְד הַאסְטִיג מִיט אױסְגֶעשְׁפְּרַײטֶע נָאזְלֶעכֶער, אוּנ דָאס אִיז גֶיוֶוען דֶער בֶּעשְׁטֶענְדִיגֶער סִימָן אַז עֶר אִיז אִין כַּעַס.

אוּנ עֶר הָאט גֶעמָאגְט, רִיכְטִיגֶער גֶעזָאגְט עֶר הָאט גֶעהַאט פָאלְלֶעם רֶעכְט צָארְנִיג צוּ זַײן דֶען קוּמְמֶענְדִיג גֶעסְטֶערְין שְׁפֶּעט בַּײא נַאכְט אַהֵיים הָאט עֶר גֶעטְרָאפִין אַזַא הֶיזֵק, מִיא הָאט אִיהם צוּבְּרָאכִין דִיא נַײעֶ טֶעלֶער װָאס עֶר הָאט עֶרְשְׁט נִיט לַאנְג גֶעקױפְט אױף פֶּסַח אױךְ דֶעם טְהַײעֶרִין לָאמְפְּ װָאס עֶר הָאט בערטהען צוּלִיב גֶעקױפְט אוּנ הָאט פַאר אִיהם אָבְּגֶעצָאהלְט פִינְף מְזוּמֶנֶע רוּבֶּעל, נוּא קָאן מֶען נִיט אַרױסְשְׁפְּרִינְגֶען פוּן גֶעדוּלְד ? קָאן דָאס הֶערְץ נִיט פוּילֶען פוּן אַזַא סְקַאנְדַאל ?

זַײן כַּעַס אִיז נָאךְ שְׁטַארְקֶער גֶעװָארִין אַלְס מִיא הָאט אִיהם עֶרְצָעהלְט אַז דֶעם גְרױסֶען הֶיזֵק הָאט גֶעמַאכְט דֶער קלעצקער ישיבה בחור װָאס עֶסְט אַלְלֶע װָאךְ זַײן זַאלְץ אוּנ בְּרױט, אוּנ װָאס טוּהְט מֶען מִיט אַזַא שְׁלֶעפֶּער, עֶר קָאן דֶען בֶּעצָאהלֶען אַזַא הֶיזֵק ?

רַאבֶע ! רַאבֶע הָאט עֶר חָאטְשׁ גֶעװָאלְט נֶעהמֶען פוּן דֶעם ישיבה בחור, בַּײא אִיהם אִיז גֶעבְּלִיבֶּען עֶר זָאל אַרַײנְגֶעהְן הַײנְט צוּ

דעם ראש ישיבה אונ איהם הייסין ער זאל חאטש דעם קלעצקער עזות פנים ארויסטרייבען פון דער ישיבה, נאר דער גרויסער שנעע וואס האט אללע גאסין אנגעפיעלט האט איהם זיין גאנג געשטערט, אונ דאריבער איז ער גיזעסין אזוי אין כעס.

מיא טאהר נאר אויף דיא לייט קיין רחמנות ניט האבין! — האט ער צו זיך אליין גירעדט דאס זיינען אביסעל דארמאיעדניקעס (אומזיסטיגע פרעסער) זייא ליעגען אויף יעגעמס קארק, אונ מאכען נאך היזיקות דערפאר וואס מיא קארמעט זייא, איהם האט זיך עפעס געוואלט דעם ישיבה בחור גוט אויספאטשען, געבין איהם אזעלכע קלעפ וואס ער זאל איהם האבין צו געדיינקען, אונ זאל ווייטער וויסען וויא היזיקות צו מאכען.

ער איז פלוצלונג אויפגעשפרונגען פון זיין ארט, דען דיא טיהר פון זיין קאבינעט האט זיך גיעפינט אונ דער קלעצקער ישיבה בחור איז אריינגעקומען.

אגוטער מארגען אייך שווער! — האט דער הערר קוגעל מיט ארוהיגע מינע געזאגט — איך בין אייך געקומען מזל טוב אבגעבין פון מיין חתונה, אונ אייך בעטין איהר זאלט מיר מיט מיין ווייב ס'הייסט מיט אייער טאכטער שענקען דיא ברכה וואס איהר האט אונז באדארפט נאך נעכטין געבין:

מיט גרויסע אויגען האט סאלאמאן דעם ישיבה בחור אנגעקוקט, ער האט איהם איינפאך בעטראכט פאר משוגע, אונ ביי איהם האט שוין אנגעהייבין רעכט צו ווערין דאס וואס ער האט איהם נעכטין אזא היזיק געמאכט, דען ואויף אמשוגענעם קאן מען דאך קיין קשיות פרעגין.

וואס קוקט איהר מיך אזוי אן טהייערער שווער? — האט דער ישיבה בחור ווייטער גירעדט — איהר ווייסט נאך אפשר אלץ ניט אז איך האב מיט אייער טאכטער חתונה געהאט, נוא אויב אזוי פרייט דאס מיך וואס איך קאן אייך דער ערשטער דיא גוטע בשורה ברייגנען

איהר זאלט וויסען אז געכטין בייא נאכט האב איך מיט אייער ליבער טאכטער חתונה געהאט בחופה ובקדושין כדת משה וישראל, גאט זאל געבין מיר זאלין זיך עלטערין אין עושר אונ אין כבוד, אונ איהר זאלט אן אונז גרויס נחת זעהען אמן.

ארויס פון מיין שטוב משוגענער! — האט סאמסאן אנגעשרייא געטאהן — דוא וועסט מיר אפשר ווייטער מאכען אזעלכע היזיקעס וויא נעכטין.

אין דעם היזיק ליעבער שווער בין איך ניט שולדיג גיוועזן — האט קוגעל גיענטפערט גאר קאלט — ניט ווילענדיג האב איך דיא טישטוך אראפגעשלעפט, נאר איך גלויב אז דאס איז גיוועזן מן השמים, וואָרעם מיא האט בייא אונז קיין תנאים געשריבען, אונ קיין טעפ צובראכין, דארום האט גאט געמאכט אז צו דער חתונה האבין זיך דיא טעלער מיט דעם לאמפ צובראכין, נאר זאלט איהר מעהר קיין צער ניט האבין, איך קאן אייך צוליב טאהן אונ אייך ערלויבען איהר זאלט פון דיא צעהען טויזענד רובעל נדן וואס איהר באדארפט מיר געבין אראפרעכען דיא עטליכע רובעל וואס דער היזיק בעטרעפט, אבער איך האב אייך געוואלט בעטין ליעבער שווער איהר זאלט אזוי גוט זיין אונ מיר נאך היינט סילקן מיין נדן, דען איך וויל מיט מיין ווייב זאל לעבען דאס הייסט מיט אייער טאכטער ארויס אין אן׳אנדער דירה.

אללע פינסטערע ביזע חלומות צו דיין קאפף דוא משוגענער הונד! — האט סאמסאן אויסער זיך פאר כעס אנגעשרייא געטאהן — דוא געהסט ארויס פון מיין שטוב צו ניט דען איך הייס דיך בינדען אונ אוועקפיהרען אין סומאשעדשי דאם (אידרענהויז).

ניין שווער איהר באדארפט חלעבין ניט זיין אין כעס אויף אייער געטרייען איידים איהר באדארפט וויסען אז אייער טאכטער אליין האט דיא ערשטע מיך גיבעטין איך זאל מיט איהר חתונה האבין, אונ איך האב איהר געמוזט צוליעב טאהן וואָרעם

זיא האט געזאגט אז זיא איז אין מיר פערליעבט אונ אהן מיר
קאן זיא ניט לעבען, נוא וויא פערשטעהט איהר האב איך
געקאנט לאזין אזא יונג שיין מיידעל שטארבין אין דיא בעסטע
יאהרען, אסימן האט איהר וויא ווייט איך האב אויף איהר
רחמנות געהאט אז בייא מיר איז רעכט גיוועהן אונזער חתונה
זאל זיין אהן אייך אונ אפילו אהן כלי זמר.

סאמסאן האט זיך אין דער ווירקליכקייט אנגעהייבען צו
שרעקען פאר דעם משוגענעם אונ ער האט אקלונג געטאהן
אין גלעקל.

אין צימער איז אריינגעלאפען דאס דינסטמיידעל יענטע.

יענטע! — האט איהר סאמסאן בעפאהלען — לויף
גיכער רוף אהער עטליכע מענטשין מיא זאל דעם משוגענעם
פון דאנען צו נעהמען.

וואס מיר משוגע ווער מיר משוגע — האט קוגעל גיענטפערט
שמייכלענד — שא אט דיא מיידעלע וויים אויך אז איך האב
חתונה געהאט מיט אייער טאכטער, זיא איז אזוי גוט גיוועהן
אונ האט אונז גענעבען אמעדניצע אשטייסיל, אונ אפאן מיא
זאל אין זייא קלינגען אנשטאט דיא כלי זמר, זאג מיידעלע איך
זאג אפשר אליגין?

חא חא חא! — האט זיך דאס דינסטמיידעל פון אייננאנדער
געלאכט — איהר האט באדארפט זעהען באלאבאס וואס נעכטין
בייא נאכט איז גיוועהן, מיא האט דעם ישיבה בחור איינגעשמועסט
אז מיא וועט איהם חתונה מאכען מיט דער פריילין בערטהע,
מיא האט זייא ביידען אונטער אחופה געשטעלט מיא האט גע-
קלאפט אין דער מעדניצע אין דער שטייסיל אונ אין דער פאן:

אונ איך האב אייער טאכטער פאר אללע אין דיא אויגען
מקדש גיוועהן — האט קוגעל אונטערגעהאפט — אמת מיידעלע?

יא ער האט איהר גענעבען אמטביע אונ האט עפעס
אנגעבאלבעט דאבייא — האט דאס דינסטמיידעל לאכענד

גֶעזָאגְט — מִיר זַיינֶען אָחן פְּחוּת גֶעבְּלִיעבָּען לַאבָּענְדִיג פוּן דֶעם שׁוֹטֶה.

אַהַא לִיעבָּער שְׁוָוער אִיהר זֶעהט שׁוֹין הָאטְשׁ אַז אִיךְ הָאבּ אַיךְ קַיין לִיגֶן נִיט גֶעזָאגְט — הָאט קוּגֶעל טְרִיאוּמְפִירֶענְד גֶעזָאגְט — נוּא הָאט מִיר דֶערְוַויל אַגוּטֶען טָאג אִיךְ מוּז גֶעהֶען זֶעהֶען אַדִירָה פַאר מִיר אוּנ פַאר מַיין וַוייבּ, גְרֵייט דָא דֶערְוַויל צוּ מַיינֶע צֶעהֶען טוֹיזֶענְד רוּבֶּעל אַגוּטֶען טָאג! אַגוּטֶען טָאג! אוּנ מִיט דִיא וֶוערְטֶער אִיז עֶר גֶעשְׁוִוינְד אַרוֹיסְגֶעלָאפִין.

סאמסאנען אִיז פִינְסְטֶער גֶעוָוארִין אִין דִיא אוֹיגִין, עֶר הָאט שׁוֹין גְרַאדֶע יַא גֶעוואוּסְט וָואס אַזַא שְׁפַּאס בֶּעדַייט. עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז מִיא אִיז מְקַדֵּשׁ אַמֵיידֶעל פַאר עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשִׁין אִין דִיא אוֹיגֶען הֶעלְפְט קַיין זַאךְ נִיט אוּנ עֶר מוּז אִיר גֶעבִּין גֶט, עֶר הָאט יֶעצְט גוּט פֶערְשְׁטַאנֶען אַז דֶער יְשִׁיבָה בָּחוּר אִיז אַגוּטֶער פֵייגֶעל אוּנ עֶר הָאט דָא כְּלוֹמֶרְשְׁט גֶעשְׁפִּילְט אַרָאלְיֶע פוּן אַשׁוֹטֶה אוּנ הָאט אַלֶעמֶען אָנְגֶעפַּייפְט.

עֶר הָאט זִיךְ פַאר דֶעם קָאפְּף גֶעהַאפְּט אוּנ הָאט נִיט מִיט זַיין קוֹל אַגֶעשְׁרַייא גֶעטָאן: גַזְלָנִים! וָואס הָאט אִיר דָא גֶעטָאן אִיר הָאט מִיךְ מִיט מַיין טָאכְטֶער אוּנְגְלִיקְלִיךְ גֶעמַאכְט!

---

## ו.

## אַיין אֶמֶתֶר מַזָל טוֹב.

דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט יאטקע רוֹישְׁט אוּנ בְּרוֹיזְט וִויא אַשְׁטִירְמִישֶׁער מֶער, אַיינֶער עֶרְצֶעהלְט דֶעם צְוַוייטֶען מִיט דֶער גְרֶעסְטֶער פְרֵיידֶע פוּן סאמסאנס אוֹיךְ פוּן זַיין טָאכְטֶערְס מַפָּלָה, וִויא דִי גֶעבִּילְדֶעטֶע פְרַיילִין הָאט זִיךְ עֶרְלוֹיבְּט אַשְׁפַּאס צוּ מַאכִין מִיט דֶעם קְלֶעצְקֶער יְשִׁיבָה בָּחוּר, זִיא הָאט אִים אַיינְגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז זִיא וִויל מִיט אִים חֲתוּנָה הָאבִּין, אוּנ הָאט טַאקִי פַאר אִיהרֶע אַלֶע פְרַיינְדֶע

אִין דִיא אױגִין פְּלוּמְרְשְׁט מִיט אִים חֲתוּנָה גֶעהַאט אױף אַגִילֶעכְטֶער נָאר ,עס הָאט זִיךְ אױסְגֶעלָאזְט ,אַזָאךְ אוּנ וֶועה צוּ דֶעם גִילֶעכְטֶער, דֶען דֶער קְלֶעצְקֶער יְשִׁיבָה בָּחוּר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט תְּמָוַטֶע אוּנ הָאט זִיא מִיט דֶער גַאנְצֶער קָאמְפַּאנְיֶע אַרַיין גֶענַארְט אִין זַאק, ,עֶר הָאט זִיא מַאקִי מְקַדֵּשׁ גִיוֶוען אױף אַיין אֱמֶת, אוּנ יֶעצְט הֶעלְפְט נִיט וָואס סאמסאן שְׁרַייט חַי וְקַיָּם, אוּנ זַיין טָאכְטֶער שְׁרַייט דָאס אִיז גִיוֶוען אַשְׁפַּאס, דֶען דֶער יאטקער רָב הָאט אױסְדְרִיקְלִיךְ גֶעזָאגְט אַז דִיא קִדּוּשִׁין זַיינֶען אֱמֶתֶא קִדּוּשִׁין, אוּנ זִיא אִיז דֶעם יְשִׁיבָה בָּחוּרְס וַוייבּ לְכָל הַדֵּיעוֹת. דֶער נַארֶעשֶׁער יְשִׁיבָה בָּחוּר הָאט יֶעצְט שֵׂכֶל צוּא בֶּעטִין צֶעהן טױזֶענְד רוּבֶּעל פַאר דֶעם גֶט וָואס ,עֶר וֶועט אִיר גֶעבִּין, נָאר סאמסאן קְרִיכְט אױף גְלַייכֶע וֶוענְד, ,עֶר ווִיל זִיךְ בֶּעסֶער אַמִיתָה אָנְטָאן אֵיידֶער אַזוֹא פִיל גֶעלְד פוּן הַאנְד אַרױס גֶעבִּין, אוּנ נָאךְ וֶועמֶען אַזַא שְׁלֶעפֶּער אַזַא יְשִׁיבָה בָּחוּר. מִיא הָאט דֶערְצֶעהלְט אַז ,עֶר אִיז שׁוֹין בֶּעסֶער מַסְכִּים דֶער יְשִׁיבָה בָּחוּר זָאל בְּלַייבִּין זַיין אֵיידִים אַבִּי ,עֶר זָאל אִים ,קַיין גֶעלְד נִיט בַּאדַארְפִין גֶעבִּין אוּמְזָאנְסְט וַוייל ,עֶר ווַייס אַז נָאךְ דֶעם גֶט וֶועט ,עֶר מוּזֶען זַיין טָאכְטֶער גָאר אױף דָאס נַייֶע אַסַךְ גֶעלְד גֶעבִּין נְדַן, נָאר אִיז דֶען אַסְבָרָא אַז אַזַא הַיינְטְמָאדִישֶׁע פְרַיילִין זָאל וֶועלִין הָאבִּין אַזַא מַאן וִויא דֶער יְשִׁיבָה בָּחוּר אִיז.

בַּייא סאמסאנען אִין הױז אִ'ז אַוִוירְקְלִ כֶער הוּרְבָּן. בערטהע זִיצְט פֶערְשְׁפַּארְט בַּייא זִיךְ אִין צִימֶער אוּנ וַויינְט, זִיא שֶׁעמְט זִיךְ גָאר אױף דֶער וַוייסֶער וֶועלְט אַרױס צוּא גֶעהן דֶען מִיא לױפְט נָאךְ אִיר נָאךְ וִויא נָאךְ אַמְשׁוּגָעֶנֶע, אוּנ מִיא שְׁרַייט אִיר נָאךְ מַזָל טוֹב. אוּנ סאמסאן קָאן אױךְ דִיא אױגִין נִיט וַוייזֶען פַאר דִי יאטקער אַיינְוָואהנֶר אוּנ ,עֶר לִיגְט פַארְשְׁפַּארְט אִין זַיין צִימֶער, ,עֶר לָאזְט שׁוֹין דִיא פִּיפֶּקֶע פוּן מוֹיל נִיט אַרױס, ,עֶר בְּלָאזְט דֶעם רױךְ פוּן מױל וִויא פוּן אַלָאקָאמָאטִיו, אוּנ דִיא נָאזְלֶעכֶער זַיינֶען פַּייא אִים אַזוֹא צוּשְׁפְּרַייט אַז ,עֶר קָאן מִיט זַייא אָפְּשֶׁר אַגַאנְצֶען יַם אַרַיין זוּפֶּען.

מיר זעהען יעצט בערטהען אויף דעם דריטען טאג נאך דער שלימזלדיגער חתונה זיטצענד. ביא זיך אין צימער פערוויינט אונ פערצאגט, דיא האר צוואָרפין אן איין ארדנונג איינגעהילט אין אגרויסער פאטשיילע, אויף איר פנים ליגט וויא אפינסטערע חמארע, אונ אונטער דיא אויגין איז ביא איר שטארק בלאה.

מיא האט גיגעבין אקלאפ ביא איר אין טיר, אונ ווייל זיא האט גירעכינט אז דאס איז איינע פון איהרע פריינדינען האט זיא גיגעבין אגעשריא אנטרעע.

זיא איז ערשראקען פון איר ארט אויף געשפרונגען אלס זיא האט דעם הערא איינקאמענדען גיזעהען, דאס וואר אשיינער יונגער מאן זעהער עלעגאנט געקליידעט טאקי נאך דער לעצטער מאדע, ער איז איר זעהער קענטליך פארגעקומען נאר זיא האט ניט געוואוסט ווער ער איז.

פערצייהעט מיר פריילין וואס איך האב אייך פילייכט אייער רוהע געשטערט — האט דער פראנט געזאגט זיך העפליך פער-ניינגענד — איך מוז מיך פאר איהנען פארשטעלין זימאן קוגעל.

בערטהע איז מיט אבלאסעס געזיכט פון איר ארט אויפ-געשפרונגען, זיא האט יעצט ערקאנט איר מלאך המות דעם ישיבה בחור וואס האט זיא אזוא אונגליקליך געמאכט. נאר וויא אנדערש ער האט יעצט אויס גיזעהען, אנשטאט וואס פריהער האט ער געהאט אפנים פון אַרעכטין אידיאטישען ישיבה בחור איז ער יעצט גיווען אבילדשיינער פראנט מיט אקלוגעס סימפאטישעס געזיכט.

וואס קוקט איר מיך אזוא פערוואונדערט אן פריילין? — האט ער שמייכלענד געזאגט — איר האט מיך אלץ ניט ערקאנט, איר דערקאנט ניט דעם קלעצקער ישיבה בחור? יא דאס בין איך דער זעלבער איך בין צוא אייך יעצט געקומען אייך צייגען אז איר האט אין מיר אגרויסען אירטהום געהאט דאמיט וואס

איר האט מיך פאר איין אידיאט גירעכינט אונ האט זיך ערלויבט פון מיר אזוא חוזיק צוא מאכין , איר באדארפט וויסען אז חאטש מיא קאן גמרא אונ חאטש מיא זיצט אונ מיא לערינט קאן מען אויך זיין אמענטש מיט לייטען גלייך . מיר האט שטענדיג פערדראסין דער פאר וואס איר בעטראכט מיך וויא אווילדען מענטשין וואס יעדען איז ערלויבט אים דאס בלוט צוא פערצאפען , אונ אז איר האט מיר אליין געלעגענהייט גיגעבין פון אייך ראכע צו נעמען האב איך אזא וויכטיגע ראכע ניט געוואלט פון די הענד ארויסלאזין . יעצט בין איך אייך גיקומען זאגין עטליכע ווערטער איר זעהט דאך שוין אז איר זענט ביי מיר אין דיא הענד איך קאן אייך פיל עגמת נפש פערשאפען , נאר איך בין ניט דער מענטש דער פון דעם צווייטען בלוט צוא פערגיסען , מיין ראכע האב איך אבגעטאן אונ איך בין שוין בעפרידיגט . איך קאן אייך נאך היינטיגען טאג בעפרייען דורך אגט אויב איר ווילט . איך רעכין אבער אז עס וואלט פיל גלייכער גיוועזען פאר אונז ביידען מיר זאלין בלייבין דאס וואס מיר זיינען געוואורין . איר מוזט וויסען אז חאטש איך בין אישיבה בחור בין איך דאצו געבילדעט אויך . איך האב אבער געמוזט מיין בילדונג באהאלטין אום מיא זאל מיך אין מיין לערנען תלמוד ניט שטערין , אונ לערנען תלמוד האב איך געמוזט, דען דאס וואר מיין פאטערס לעצטעס בעפעהל איידער ער איז געשטארבין איך זאל אזוא לאנג לערנען תלמוד ביז איך וועל קאנען זיין ארב , היינט פערשטעהט אליין פריילין אז אפראנט קאן איך זיין דאס זעהט איר מיט אייערע אויגין אז קיין אידיאט בין איך ניט זענט איר אויך יעצט איבערצייגט , אז איך בין געבילדעט קאנט איר זיך אויך באלד איבערצייגען אויב איר ווילט ; דער איינציגער פעהלער איז אין מיר דאס וואס איך קאן לערנען , דאס איז אבר נאך מיין מיינונג אסך אקלענערער פעהלער אלס פערברייגגען דיא צייט אין נארישקייט וויא עס טוען דיא פוסטע פראנטין וואס איך האב ביא אייך גיזעהען , איך

מיין דיא וואס האבין אונז חתונה געמאכט, אונ פילייכט ווילט איר וויסען מיין יחוס, זאג איך אייך אז איך בין אגרויסער מיוחס, מיין פאטער וואר אגביר אונ אמענטש מיט אגרויסין נאמען, נור זיין טויט האט מיינער מוטער מיט איהרע קינדער פון וועלכע איך וואר דער עלטסטער אין ארמוטה געווארפין, זא דאס איך וואר געצוואונגען פארין אין אישיבה אונ עסין אויף פרעמדע טישען. יא איך בין אייך מודה אז איך בין ארעם, די קליידר וואס איך געה יעצט האב איך געליען אום אייך צוא ווייזען אז איך קאן ווערין אדייטש, נאר אז איך וועל זיין אייער מאן וועל איך דאך קאנען ווערין איין אמתר דייטש אין אייגענע קליידער. אלזא מיין פריילין איז דיא בריה יעצט ביא אייך, איך קאן אייך געבין גט, נאר בארעכינט אז אויף אייך וועט ליגען איין אייביגער פלעק, זאנאר אייערע קינדער וועלין פון דעם פלעק בעשמוצט זיין, ווען אבער מיר בלייבין מאן אונ וייב זיינען מיר ביידע גליקליך אונ קיינער וועט זיך וואגען אשלעכט ווארט אויף אייך צוא ריידין.

פערוואונדערט האט בערטהע דעם שיינעם יונג אנגעקוקט. זיא האט ווירקליך אן זיין האלטונג אונ קלוגע זיסע רייד פערשטאנען אז ער איז פון דיא וויכטיגסטע מענטשין מיט וועלכע מיא קאן אגליקליך לעבין פערברייגגען, זיא האט ריכטיג פערשטאנען זיין אנמערקונג וועגען יענע פוסטע פראנטען וואס קומען צוא איר אריין, אונ פערברייגגען דיא טעג אין נארישקייט אונ דומהייט. דאביא האט זיא זיך דערמאנט אז ווען זיא וועט ביא אים נעמן נט בלייבט ווירקליך אויף אימער אפלעק אויף איר, מיא וועט איר בעשטענדיג דערמאנען דיא נארישע חתונה וואס זיא האט זיך אליין אויפגעשפילט, דארום האט זיא דעם ישיבה בחור דיא האנד געגעבן אונ האט גיענטפערט: איר זענט אמאלאדיעץ! פאר דער ראכע אליין וואס איהר האט פון מיר גענומען האט איהר פערדינט מיא זאל אייך שעטצען אונ עהרען.

נוּא אַז עֶס הָאט זִיךְ אַזוֹא גֶעמַאכְט בִּין אִיךְ צוּפְרִידֶען אוּנ אִיךְ בְּלַייבּ אַייעֶרֶע. אִיר מוּזְט מִיר אָבֶּער פֶערְשְׁפְּרֶעכֶען אַז אִיהר זָאלְט בְּלַייבִּין פוּן הַיינְט אָן אַזַא פְרַאנְט וִויא אִיר זָענְט יֶעצְט, אוּם מִיר זָאל קַיין חַרְפָּה נִיט זַיין פַאר מַיינֶע פְרַיינְדִינֶען.

אִיךְ בְּלַייבּ אַדַייטְשׁ בִּיז מַיין לֶעצְטִין טָאג — הָאט זִימאן עֶרְפְרֵייט גִיעֶנְטְפֶערְט — נוּר מִיט דֶעם בֶּעדִינְג אִיהר זָאלְט מִיךְ נִיט שְׁטֶערִין אִין מַיין תַּלְמוּד, אִיךְ זָאל מָאגִין לֶערְנֶען וִויפִיל אִיךְ וֶועל וֶועלִין אוּם מַיין פָאטֶערְס פֶערְלַאנְג פִּינְקְטְלִיךְ צוּא עֶרְפִילֶען.

דָאס אִיז דִיר עֶרְלוֹיבְּט, דֶען דָאס בֶּעוַייזְט מִיר אַז דוּא וֶועסְט מִיר זַיין אַגֶעטְרַייעֶר מַאן אַזוֹא וִויא דוּא בִּיזְט אַגֶעטְרַייעֶר גֶעהָארְכְזַאמֶער זָאהן, קוּם מִיר וֶועלִין אַרַיין גֶעהן צוּא מַיין פָאטֶער אוּנ מִיר וֶועלִין אִים עֶרְפְרֵייעֶן מִיט דֶער גוּטֶער נַאכְרִיכְט אַז מֶעהר וִויא אַיין מָאהל וֶועט עֶר מִיר נִיט דַארְפִ׳ן גֶעבִּין קַיין נַדַן...

אוּנ בֵּיידֶע זַיינֶען אַרַיין גֶעגַאנְגֶען צוּא סאמסאנען אִין צִימֶער.

• • •

וָואס פַאר רֵייד דָארְט בַּייא סאמסאנען אִין צִימֶער זַיינֶע גִיוֶוען וַוייסִין מִיר נִיט, מִיר וַוייסִין נָאר דָאס אַז אִין דֶעם זֶעלְבֶּען טָאג הָאט גַאנְץ יאטקע גִירֶעדט דֶער פוּן וָואס בערטהע הָאט זִיךְ בֶּעשְׁלָאסִין צוּא בְּלַייבִּין דֶעם יְשִׁיבָה בָּחוּרְס וַוייבּ, אוּנ סאמסאן הָאט זַייא אָבְּגֶעצֵיילְט נַדַן צֶעהֶען טױזֶענְד רוּבֶּעל. פִילֶע מֶענְטְשִׁין הָאבִּין דֶער פוּן שְׁטַארְק הֲנָאָה גֶעהַאט, נָאר נָאךְ מֶעהר מֶענְטְשִׁין הָאט דִיא זַאךְ פֶערְדְרָאסֶען, זַייא הָאבִּין פָּשׁוּט נִיט פֶערְגוּנֶען דֶעם יְשִׁיבָה בָּחוּר אַזַא גְלִיק.

22918

נָאר מֶעהר פוּן אַלֶעמֶען הָאט דָאס גֶעקְרֵייגְקְט אוּנְזֶער בַּאַקַאנְטִין פִיאדאר גראבּיונג , עֶר הָאט זִיךְ אוֹיף אַזַא מַפָּלָת נָאר נִיט גֶערִיכְט . מִיר וַויסִין דָאךְ שׁוֹין אַז עֶר הָאט זִיךְ גִירֶעכִינְט פַאר בּערטהעם חָתָן , פְּלוּצְלוּנְג הָאט עֶר זִיךְ אַרוּמְגִיזֶעהֶען אַז זיא אִיז נָאר אַוֶויבּ פוּן דֶעם מֶענְטְשִׁין װֶועלְכֶער הָאט אִין זַיינֶע אוֹיגִין אוֹיסְגִיזֶעהֶען װִיא אַמוֹיז , אוּנ דֶער פֶּערְדְרָאס אִיז גִיוֶועזֶען נָאךְ גְרֶעסֶער וָואס עֶר אַלֵיין הָאט טַאקִי דִיא חֲתוּנָה אוֹיפְגֶעשְׁפִּילְט , אוּנ פוּן דֶעם שְׁפַּאס אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען אַיין אֱמֶתֶער מַזָל טוֹב .